# זהַר הַקָּדוֹשׁ מִיט פֵּרוּשׁ מָתוֹק מִדְּבַשׁ

אויף די פרשה און עניני דיומא

נתנדב לעילוי ולטובת נשמת הר״ר ישעיה ז״ל בן יבלחט״א הר״ר אהרן הכהן הי״ו

לוח עמוד היומי בזוה״ק פרשת ויגש

| חלק ט – פרשת פקודי | | |
|---|---|---|
| יום | וילנא | מתוק מדבש |
| ראשון | רכא ע״ב | טו–כא |
| שני | רכב ע״א | כא–כו |
| שלישי | רכב ע״ב | כו–לב |
| רביעי | רכג ע״א | לב–לח |
| חמישי | ונג ע״ב | לח–מד |
| שישי | רכד ע״א | מד–נ |
| שב״ק | רכד ע״ב | נ–נו |

יו״ל בעזהשי״ת ע״י
מרכז ״מתוק מדבש״ ת.ד. 5315 ירושלים

עלון מס׳ 111 | פרשת מקץ תשפ״ג

## הקב״ה שלח מלאכי השרת לשמח את יוסף מהעצבון של ישיבתו בבור

וַיִּשְׁלַח פַּרְעֹה וַיִּקְרָא אֶת יוֹסֵף וַיְרִיצֻהוּ מִן הַבּוֹר וְגוֹ׳ כדי לפרש פסוק זה רַבִּי אַבָּא פָּתַח וְאָמַר הקדים לפרש מש״כ רוֹצֶה יהו״ה אֶת יְרֵאָיו אֶת הַמְיַחֲלִים לְחַסְדּוֹ, ואמר כַּמָּה קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אִתְרְעֵי בְּהוּ בְּצַדִּיקַיָּא כמה רוצה וחפץ ה׳ בצדיקים, בְּגִין דְּצַדִּיקַיָּא אִינּוּן עָבְדִין שְׁלָמָא לְעֵילָּא וְעָבְדֵי שְׁלָמָא לְתַתָּא לפי שהצדיקים עושים שלום למעלה ועושים שלום למטה, ובזה וְאָעֲלִין כַּלָּה בְּבַעֲלָהּ מביאים ומיחדים את הכלה שהיא השכינה בבעלה שהוא התפארת, וּבְגִין כָּךְ קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אִתְרְעֵי בְּהוּ בְּאִנּוּן דְּדָחֲלִין לֵיהּ וְעָבְדִין רְעוּתֵיהּ ולפיכך הקב״ה רוצה באלו שיראים ממנו שמתוך היראה הם באים לעשות רצונו.

ומה שכתוב לַמְיַחֲלִים לְחַסְדּוֹ מפרש מַאן אִינּוּן מְיַחֲלִים לְחַסְדּוֹ מי הם המיחלים לחסדו, ואמר הֲוֵי אֵימָא אִינּוּן דְּמִשְׁתַּדְּלֵי בְּאוֹרַיְיתָא בְּלֵילְיָא וְאִשְׁתַּתְּפוּ בַּהֲדֵי שְׁכִינְתָּא הוי אומר אלו העוסקים בתורה בלילה ומשתתפים עם השכינה, וְכַד אָתֵי צַפְרָא אִינּוּן מְחַכָּאן לְחַסְדּוֹ וכשמגיע הבקר הם מחכים ומיחלים לחסדו, וְהָא אוֹקְמוּהָ וכבר פירשו חז״ל במס׳ עבודה זרה דף ג ע״ב, בְּזִמְנָא דְּבַר נָשׁ אִשְׁתַּדַּל בְּאוֹרַיְיתָא בְּלֵילְיָא חוּטָא דְחֶסֶד אִתְמְשִׁיךְ עֲלֵיהּ בִּימָמָא בזמן שאדם עוסק בתורה בלילה אז חוט של חסד נמשך עליו ביום, כְּדִכְתִיב יוֹמָם יְצַוֶּה יהו״ה חַסְדּוֹ וּבַלַּיְלָה שִׁירֹה עִמִּי ומפרש מַאי טַעְמָא יוֹמָם יְצַוֶּה יהו״ה חַסְדּוֹ למה ביום יצוה ה׳ את חסדו, מִשּׁוּם דְּבַלַּיְלָה שִׁירֹה עִמִּי לפי שבלילה עסק בשירות ותשבחות של התורה, וּבְגִין כָּךְ בשביל שהם מיחלים לחסדו, לכן רוֹצֶה יהו״ה

## אידיש

### דער אויבערשטער האט געשיקט מַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת צו דערפרייען יוסף פונעם טרויער פון זיצן אין גרוב

**עס** שטייט אין פסוק ״וַיִּשְׁלַח פַּרְעֹה וַיִּקְרָא אֶת יוֹסֵף וַיְרִיצֻהוּ מִן הַבּוֹר וְגוֹ׳״, און פַּרְעֹה האט געשיקט רופן יוסף, און ער האט אים געלאזט ארויסשלעפן פונעם גרוב, כְּדֵי צו ערקלערן דעם פסוק, האט רַבִּי אַבָּא אנגעהויבן צו דַרְשְ׳נען, און צום ערשט האט ער ערקלערט דאס וואס עס שטייט אין פסוק ״רוֹצֶה ה׳ אֶת יְרֵאָיו אֶת הַמְיַחֲלִים לְחַסְדּוֹ״, דער אויבערשטער וויל די וואס פארכטן אים, די וואס קוקן אויס צו זיין גענאד, און ער האט געזאגט, ווי שטארק וויל דער אויבערשטער און ער באוויליגט אין די צדיקים, ווייל די צדיקים מאכן שלום אויבן און זיי מאכן שלום אונטן, און דורכדעם ברענגען זיי און זענען מְיַחֵד די כַּלָּה, וואס זי איז די שְׁכִינָה, אין איר מאן וואס דאס איז די בְּחִינָה פון תִּפְאֶרֶת, און דעריבער באוויליגט דער אויבערשטער אין די וואס האבן מורא פון אים, וואס דורך אט די פארכט קומען זיי צו טון זיין ווילן.

**און** דאס וואס עס שטייט אין פסוק ״לַמְיַחֲלִים לְחַסְדּוֹ״, די וואס קוקן אויס צו זיין גענאד, ערקלערט דער זוהר הַקָּדוֹשׁ, ווער זענען די וואס קוקן אויס אויף זיין חֶסֶד, דארף מען זאגן אז דאס זענען די וואס זענען עוֹסֵק בַּתּוֹרָה ביינאכט און זענען זיך מִשְׁתַּתֵּף מיט די שְׁכִינָה, און ווען עס ווערט אינדערפרי ווארטן זיי און זיי קוקן אויס אויף זיין חֶסֶד, און חֲזַ״ל האבן דאס שוין ערקלערט אין מַסֶּכֶת עֲבוֹדָה זָרָה, אז אינדערצייט וואס דער מענטש לערנט תּוֹרָה ביינאכט, דעמאלטס איז געצויגן אויף אים אַ פאדים פון חֶסֶד בייטאג, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ״יוֹמָם יְצַוֶּה ה׳ חַסְדּוֹ וּבַלַּיְלָה שִׁירֹה עִמִּי״, בייטאג וועט דער באשעפער באפעלן זיין גענאד, און ביינאכט איז זיין געזאנג מיט מיר, און דער זוהר הַקָּדוֹשׁ ערקלערט, פארוואס וועט בייטאג דער אויבערשטער באפעלן זיין גענאד אויף מיר, ווייבאלד ביינאכט האב איך עוֹסֵק געווען אין די שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת פון די תּוֹרָה, און דערפאר וואס זיי קוקן אויס צו זיין חֶסֶד, דעריבער שטייט אין פסוק ״רוֹצֶה ה׳ אֶת יְרֵאָיו״, דער

**אֶת יְרֵאָיו כְּתִיב, וְלֹא** כתוב **בִּירֵאָיו** כמו רוצה ה׳ בעמו, שמשמעו שרוצה בהם סתם, אלא רוצה הוא לשון רצוי ופיוס, כלומר **כְּמַאן דְּרָעֵי בִּרְעוּתֵיהּ לְאַחֲרָא** כמי שרוצה ברצונו להתחבר באיש אחר, **וְאִתְרְעֵי לֵיהּ לְאִתְפַּיְּיסָא בַּהֲדֵיהּ** ומרוצה בו להתפייס עמו, **וּבְגִין כָּךְ** ובשביל זה כתוב **רוֹצֶה יהו״ה אֶת יְרֵאָיו** שפירושו שרוצה לרצות ולפייס את יראיו בחסדו, **וְלֹא בִּירֵאָיו** כי לא שייך לומר שמפייס ביראיו.

**כְּגַוְונָא דָא יוֹסֵף הֲוָה עָצִיב בַּעֲצִיבוּ דְרוּחָא בַּעֲצִיבוּ דְלִבָּא דַּהֲוָה אָסִיר תַּמָּן** כעין זה יוסף היה בעצבון, בעצב רוח ובעצב הלב על שהיה אסור בבית האסורים, **כֵּיוָן דְּשַׁדַּר פַּרְעֹה בְּגִינֵיהּ** כיון ששלח פרעה אחריו **מַה כְּתִיב וַיְרִיצוּהוּ** הוא לשון רצוי ופיוס, דהיינו **אִתְפַּיְּיסוּ לֵיהּ** שפייסו אותו על שנאסר בבית הסוהר כמה שנים בלא שום חטא, **וְאַהֲדָרוּ לֵיהּ מִלִּין דְּחֶדְוָה מִלִּין לְמֶחֱדֵי לִבָּא** והשיבו לו דברים של שמחה דברים המשמחים את הלב, **בְּגִין דַּהֲוָה עָצִיב מִן בֵּירָא** לפי שהיה בעצבות מן ישיבתו בבור, ור״ל שהקב״ה שלח מלאכי השרת לרצותו ולפייסו מהעצבון שהיה לו בבור. **תָּא חֲזֵי בְּקַדְמִיתָא נָפַל בְּבֵירָא** בא וראה בתחילה נפל בבור כמו שכתוב (בראשית לז כד) וישליכו אותו הבורה, ומשם נמכר למצרים, **בְּבֵירָא אִסְתַּלַּק לְבָתַר** ואחר כך מהבור עלה לגדולה כמ״ש ויריצוהו מן הבור, ורואים בזה השגחת הקב״ה כי בדבר שהוא מוחץ בו מרפא. (דף קצד ע״ב, ובביאורינו כרך ד עמ׳ קסז-קסט)

## בשביל יעקב ובניו באה השכינה למצרים ונתגלגל הדבר שירדו בכבוד

**תָּא חֲזֵי דְקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא מְגַלְגֵּל גִּלְגּוּלִין בְּעָלְמָא** בא וראה שהקב״ה מגלגל גלגולים בעולם, **וּמְקַיֵּים אֱסָרִין וְקִיּוּמִין** ומקיים איסורים ושבועות, **בְּגִין לְקַיְּימָא קִיּוּמָא וּגְזֵרָה דְּאִיהוּ גָּזִיר** כדי לקיים השבועה והגזרה שגזר, **דְּהָא תְּנַן** שהרי למדנו במס׳ שבת דף פט ע״ב, **אִלְמָלֵא חֲבִיבוּ וּרְחִימוּ דְּרָחִים קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא לַאֲבָהָן** שאם לא החביבות והאהבה שאהב הקב״ה את האבות, **הֲוָה אִתְחֲזֵי לְנָחֲתָא יַעֲקֹב לְמִצְרַיִם בְּשַׁלְשְׁלֵי**

## אידיש

אויבערשטער ווייל די וואס פארכטן אים, און עס שטייט אֶת "יְרֵאָיו", ער וויל זיי, און עס שטייט נישט "בִּירֵאָיו", ער באוויליגט אין זיי, אזוי ווי עס שטייט "כִּי רוֹצֶה ה׳ בְּעַמּוֹ", דער אויבערשטער באוויליגט אין זיין פאלק, נאר דא איז עס א לשון פון זיך איבערבעטן, דאס הייסט, אזוי ווי איינער וואס וויל זיך באהעפטן מיט אן אנדער מענטש, און ער איז באוויליגט אין אים זיך צו איבערבעטן מיט אים, און דעריבער שטייט אין פסוק "רוֹצֶה ה׳ אֶת יְרֵאָיו", דער אויבערשטער וויל די וואס פארכטן אים, דאס מיינט אז ער וויל איבערבעטן זיינע פארכטיגע דורך זיין גענאד, און עס שטייט נישט "בִּירֵאָיו", ווייבאלד עס איז נישט שייך צו זאגן אז ער וויל איבערבעטן אין זיינע פארכטיגע.

**אזוי** אויך דא, יוסף איז געווען אין טרויער, מיט א טרויעריג גייסט און א טרויעריג הארץ דערפאר וואס ער איז געווען איינגעשפארט אין תפיסה, אבער ווען פַּרְעֹה האט געשיקט אים רופן, שטייט אין פסוק "וַיְרִיצֻהוּ", און מען האט אים ארויסגעצויגן, אבער דאס איז אויך א לשון פון איבערבעטן, דאס מיינט אז זיי האבן אים איבערגעבעטן דערפאר וואס ער איז געווען איינגעשפארט אין תפיסה עטליכע יאר אן קיין שום זינד, און זיי האבן גערעדט צו אים רייד פון שמחה, ווערטער וואס דערפרייען דעם הארץ, ווייבאלד ער איז געווען טרויעריג פון זיצן אין גרוב, דאס מיינט צו זאגן אז דער אויבערשטער האט געשיקט מַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת אים צו באוויליגן און אים איבערבעטן פון דאס טרויער וואס ער האט געהאט אינעם גרוב. קום און זע, אין אנהייב איז ער אריינגעפאלן אינעם גרוב, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק "וַיַּשְׁלִכוּ אוֹתוֹ הַבֹּרָה", און זיי האבן אים אריינגעווארפן אינעם גרוב, און פון דארט איז ער פארקויפט געווארן קיין מִצְרַיִם, און דערנאך איז ער ארויפגעגאנגען פונעם גרוב און איז גרויס געווארן, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק "וַיְרִיצֻהוּ מִן הַבּוֹר", און מען האט אים ארויפגעשלעפט פונעם גרוב, און פון דא זעט מען די השגחה פונעם אויבערשטן, וואס מיטן זעלבן זאך וואס ער שלאגט, מיטן זעלבן זאך טוט ער אויסהיילן.

### צוליב יַעֲקֹב און זיינע קינדער איז די שְׁכִינָה געקומען קיין מִצְרַיִם. און דער זאך האט זיך אזוי צוגעפירט אז זיי זאלן אראפגיין בְּכָבוֹד

**קום** און זע, ווי דער אויבערשטער דרייט גִלְגוּלִים אויף די וועלט, און ער איז מְקַיֵּם אִסוּרִים און שְׁבוּעוֹת, כְּדֵי צו מְקַיֵּם זיין די שְׁבוּעָה און גְזֵרָה וואס ער האט גוֹזֵר געווען, ווייל מיר האבן געלערנט אין מַסֶּכֶת שַׁבָּת, אז ווען נישט די ליבשאפט וואס דער אויבערשטער האט ליב געהאט די אָבוֹת, וואלט געווען ראוי אז יַעֲקֹב זאל אראפגיין קיין

**דְּפַרְזְלָא** היה ראוי יעקב לרדת למצרים בשלשלאות של ברזל, **וּבְרְחִימוּ דִּלְהוֹן שַׁלְטֵיהּ לְיוֹסֵף בְּרֵיהּ** ובאהבתם השליט את יוסף בנו על מצרים, **וַעֲבַד לֵיהּ מַלְכָּא דְּשַׁלִּיטָא עַל כָּל אַרְעָא** ועשה אותו מלך המושל על כל הארץ, **וְנָחֲתוּ כֻּלְּהוּ שִׁבְטִין בִּיקָרָא וְיַעֲקֹב כְּמַלְכָּא** וירדו כל השבטים למצרים בכבוד ויעקב היה נחשב כמלך.

**תָּא חֲזֵי מַה כְּתִיב** בא וראה מה כתוב **וַיָּבֹא יִשְׂרָאֵל מִצְרָיִם וְיַעֲקֹב גָּר בְּאֶרֶץ חָם** וצריך להתבונן **כֵּיוָן דִּכְתִיב וַיָּבֹא יִשְׂרָאֵל מִצְרָיִם, לָא יָדַעְנָא דְּיַעֲקֹב גָּר בְּאֶרֶץ חָם, אַמַּאי אִצְטְרִיךְ דָּא** למה צריך לכפול ולומר שיעקב גר בארץ חם דהיינו במצרים, **אֶלָּא** מה שכתוב **וַיָּבֹא יִשְׂרָאֵל מִצְרָיִם, דָּא קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא** היינו השכינה הנקראת ישראל על שם בעלה תפארת ישראל, **וְיַעֲקֹב גָּר בְּאֶרֶץ חָם, דָּא יַעֲקֹב** זהו יעקב התחתון, **דְּהָא בְּגִינֵיהּ דְּיַעֲקֹב וּבְנוֹי אֲתַת שְׁכִינְתָּא לְמִצְרַיִם** כי בשביל יעקב ובניו באה השכינה למצרים, **וְקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא גַּלְגֵּל גַּלְגּוּלִין** והקב"ה גלגל גלגולים, שתתקיים גזרתו בלא צער, (דף קצה ע"א) **וְאַחִית לֵיהּ לְיוֹסֵף בְּקַדְמִיתָא** לכן הוריד את יוסף בתחילה, שהוא סוד אות ברית, **דִּבִזְכוּתֵיהּ אִתְקַיַּים בְּרִית בַּהֲדֵיהּ** שבזכותו שזכה לעמוד בנסיון באשת אדוניו ע"ז עמדה ובאה אליו השכינה הנקראת גם כן ברית על שם הברית ששמר יוסף, **וְשַׁלְטֵיהּ עַל כָּל אַרְעָא** והשליטתו על כל הארץ. (דף קצד ע"ב-קצה ע"א, ובביאורינו כרך ד עמ' קע-קעא)

## ענין ההשגה בשלימות הבריאה נעלם מעין כל חי

**רַבִּי חִיָּיא וְרַבִּי יוֹסֵי הֲווֹ אָזְלֵי בְּאָרְחָא** אלו השני תנאים היו הולכים יחד בדרך, **אָמַר רַבִּי יוֹסֵי לְרַבִּי חִיָּיא, תְּוַוהְנָא עַל הַאי דְּקָאֲמַר שְׁלֹמֹה** תמה אני על פסוק זה שאמר שלמה המלך, **דְּכָל מִלּוֹי סְתִימִין וְלָא אִתְיַידְעוּן** שכל דבריו הם דברים סתומים ולא מובנים, **דְּהָא בְּקֹהֶלֶת סָתִים סְתִימִין** (ס"ג הרמ"ק) כי בספר קהלת סתם סודות סתומים, **פָּתַח וְאָמַר** כתוב **כָּל הַדְּבָרִים יְגֵעִים, לֹא יוּכַל אִישׁ לְדַבֵּר, לֹא תִשְׂבַּע עַיִן לִרְאוֹת, וְלֹא תִמָּלֵא אֹזֶן מִשְּׁמֹעַ,** ומקשה מה שכתוב **כָּל הַדְּבָרִים יְגֵעִים, וְכִי כָּל הַדְּבָרִים יְגֵעִים אִינּוּן לְמַלְּלָא** וכי כל הדברים שמדבר

### אידיש

מִצְרַיִם מִיט אַייזֶערְנֶע קֵייטְן, נָאר צוּלִיבּ זֵייעֶר לִיבְּשַׁאפְט הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעמַאכְט גֶעוֶועלְטִיגְן זַיין זוּן יוֹסֵף אוֹיף מִצְרַיִם, אוּן הָאט אִים גֶעמַאכְט אַ קֶענִיג וָואס גֶעוֶועלְטִיגְט אוֹיף דִי גַאנְצֶע לַאנְד, אוּן אַלֶע שְׁבָטִים זֶענֶען אַרָאפְּגֶעגַאנְגֶען קֵיין מִצְרַיִם מִיט כָּבוֹד, אוּן יַעֲקֹב אִיז גֶערֶעכְנְט גֶעוָוארְן אַזוֹי וִוי אַ קֶענִיג.

**קוּם** אוּן זֶע וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וַיָּבֹא יִשְׂרָאֵל מִצְרָיִם וְיַעֲקֹב גָּר בְּאֶרֶץ חָם", אוּן דִי אִידְן זֶענֶען גֶעקוּמֶען קֵיין מִצְרַיִם אוּן יַעֲקֹב הָאט גֶעווּאוֹינְט אִינֶעם לַאנְד פוּן חָם, דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, וִויבַּאלְד עֶס שְׁטֵייט "וַיָּבֹא יִשְׂרָאֵל מִצְרָיִם", אַז דִי אִידְן זֶענֶען גֶעקוּמֶען קֵיין מִצְרַיִם, וֵוייס אִיךְ דֶען נִישְׁט אַז "יַעֲקֹב גָּר בְּאֶרֶץ חָם", אַז יַעֲקֹב וָואס אִיז גִיקוּמֶען צוּ זַאמֶען מִיט זֵיי הָאט גֶעווּאוֹינְט אִין דִי לַאנְד פוּן חָם, אוֹיבּ אַזוֹי, פַארְוָואס דַארְף עֶס דֶער פָּסוּק דָאפְּלֶען אוּן זָאגְן נָאכְאַמָאל אַז יַעֲקֹב הָאט גֶעווּאוֹינְט אִין דִי לַאנְד פוּן חָם, דָאס הֵייסְט אִין מִצְרַיִם, נָאר, עֶנְטְפֶערְט דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, אַז דָאס וָואס שְׁטֵייט "וַיָּבֹא יִשְׂרָאֵל מִצְרָיִם", דִי אִידְן זֶענֶען גֶעקוּמֶען קֵיין מִצְרַיִם, דָאס מֵיינְט מֶען דִי שְׁכִינָה וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן יִשְׂרָאֵל אוֹיפְן נָאמֶען פוּן אִיר מַאן, דִי בְּחִינָה פוּן תִּפְאֶרֶת יִשְׂרָאֵל, אוּן דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט "וְיַעֲקֹב גָּר בְּאֶרֶץ חָם", אוּן יַעֲקֹב הָאט גֶעווּאוֹינְט אִין דִי לַאנְד פוּן חָם, דָאס מֵיינְט מֶען יַעֲקֹב פוּן דָא אוּנְטְן,

וַוייל צוּלִיבּ יַעֲקֹב אוּן זַיינֶע קִינְדֶער אִיז דִי שְׁכִינָה גֶעקוּמֶען קֵיין מִצְרַיִם, אוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי אַרוּמְגֶעדְרֵייט, אַז זַיין גְּזֵרָה זָאל מְקוּיָם וֶוערְן אָן קֵיין צַעַר, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר צוּם עֶרְשְׁט אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט יוֹסֵף, וָואס עֶר אִיז דִי בְּחִינָה פוּן סוֹד אוֹת בְּרִית, וָואס אִין זְכוּת וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועזְן בַּייצוּשְׁטֵיין דֶעם נִסָּיוֹן מִיטְן וַוייבּ פוּן זַיין הָאֵר, דוּרְכְדֶעם אִיז דִי שְׁכִינָה גֶעשְׁטַאנֶען אוּן אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים, וָואס זִי וֶוערְט אוֹיךְ אָנְגֶערוּפְן בְּרִית, אוֹיפְן נָאמֶען פוּנֶעם בְּרִית וָואס יוֹסֵף הָאט אָפְּגֶעהִיטְן, אוּן זִי הָאט אִים גֶעמַאכְט גֶעוֶועלְטִיגְן אוֹיפְן גַאנְצְן לַאנְד.

### דֶער עִנְיָן פוּן הַשָּׂגָה בִּשְׁלֵימוּת הַבְּרִיאָה אִיז פַארְהוֹילְן מֵעֵין כָּל חַי

**דֶערְצֵיילְט** דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, רַבִּי חִיָּיא אוּן רַבִּי יוֹסֵי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּזַאמֶען אִין וֶועג, הָאט רַבִּי יוֹסֵי גֶעזָאגְט צוּ רַבִּי חִיָּיא, אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ אוֹיף דֶעם פָּסוּק וָואס שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט, וָואס אַלֶע זַיינֶע רֵייד זֶענֶען פַארְמַאכְט אוּן אוּמְפַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ, וַוייל אִין סֵפֶר קֹהֶלֶת הָאט עֶר פַארְמַאכְט פַארְהוֹילֶענֶע סוֹדוֹת, אוּן רַבִּי יוֹסֵי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אוּן הָאט גֶעזָאגְט, עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "כָּל הַדְּבָרִים יְגֵעִים, לֹא יוּכַל אִישׁ לְדַבֵּר, לֹא תִשְׂבַּע עַיִן לִרְאוֹת, וְלֹא תִמָּלֵא אֹזֶן מִשְּׁמֹעַ", אַלֶע אוֹיסְמוּטְשְׁנְדֶע רֵייד, קֶען קֵיין מֶענְטְשׁ נִישְׁט רֶעדְן, דִי אוֹיג קֶען זִיךְ נִישְׁט

האדם מיגעים אותו ונלאה אחר דברו **דְּקָאָמַר לֹא יוּכַל אִישׁ לְדַבֵּר** הלא אדם מדבר הרבה ואינו מתייגע, ועוד קשה מה שכתוב **לֹא תִשְׂבַּע עַיִן לִרְאוֹת וְלֹא תִמָּלֵא אֹזֶן מִשְּׁמוֹעַ, מַאי טַעְמָא אִלֵּין** למה נקט את אלו השתי אברים יותר משאר אברי האדם.

ומתרץ ואמר **אֶלָּא בְּגִין דִּתְרֵין מִנְּהוֹן וְאִינּוּן עַיְינִין וְאוּדְנִין לָא קָיְימִין בִּרְשׁוּתֵיהּ דְּבַר נָשׁ** אלא לפי ששתים מאברי האדם והם העינים והאזנים אינם עומדות ברשותו של אדם, **וּפוּמָא אִיהוּ בִּרְשׁוּתֵיהּ** והפה הוא ברשותו, ובא להקיש האזנים והעינים שאינם ברשות האדם לפה שהוא ברשות האדם, שהעינים והאזנים אפילו שרואות ושומעות מה שאינן רוצות או מה שלא היה בדעתם לראות ולשמוע, והיה סלקא דעתך שלכך ישיגו כל הדברים, קמשמע לן שהם כמו הפה שהוא ברשותו שאינו מדבר אלא מה שהוא רוצה, ולכן אינו יכול להשיג לדבר כל הדברים, כמו כן האזנים והעינים אינן יכולות להשיג כל הדברים, וזה שאמר **וְכָל אִלֵּין תְּלַת** וכל אלו השלשה אברים פה עין אוזן שהם כוללים עיקרי החושים של האדם, **לָא יָכְלִין לְאַשְׁלָמָא כֹּלָּא וּלְאַדְבְּקָא כֹּלָּא** אינם יכולים להשלים הכל ולהשיג את כל ענין הבריאה, כי אפילו אם יבא חכם לחקור על שורשה ומציאותה למה נבראה על האופן שנבראה, הנה כל זה נעלם מעין כל חי ואין מי שיודע כל זה רק הוא יתברך ואין זולתו, לכן כל הדברים יגעים מהשכיל לבותם של בני אדם כי לא ישיגום בשכלם.

**אָמַר רַבִּי חִיָּיא** הסכים לדברי רבי יוסי ואמר כי **הָכִי הוּא דְּדִבּוּרָא דְּבַר נָשׁ לָא יָכִיל לְמַלָּלָא וְעַיְינִין לְמֶחֱמֵי וְאוּדְנִין לְמִשְׁמַע** כן הוא כדבריך שהפה של האדם אינו יכול לדבר והעינים לראות והאזנים לשמוע את כל סודות הבריאה כי הכל נעלם מעין כל חי, ומה שכתוב שם **וְאֵין כָּל חָדָשׁ תַּחַת הַשָּׁמֶשׁ** הוא המשך ענין זה, **וְתָא חֲזֵי אֲפִילּוּ בִּרְיָין וְקַסְטוֹרִין** (פי׳ מושלים) **דַּעֲבַד קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא תַּחַת הַשֶּׁמֶשׁ** ובא וראה אפילו כל מיני בריות ושרי מעלה המושלים על דברים התחתונים שעשה וברא הקב״ה תחת השמש, **לָא יָכְלִין לְמַלָּלָא כָּל מִלִּין דְּעָלְמָא** גם הם

## אידיש

זֶעטִיגְן פוּן זֶען, אוּן דִי אוֹיעֶר קֶען נִישְׁט פוּהל וֶוערן פוּן הֶערְן, אוּן עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט, דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "כָּל הַדְּבָרִים יְגֵעִים", אִיז שְׁוֶוער, צוּדֶען אַלֶע וֶוערְטֶער וָואס דֶער מֶענְטְשׁ רֶעדְט, טוּעֶן אִים אוֹיסְמוּטְשֶׁען, אוּן עֶר וֶוערְט מִיד נָאכְן רֶעדְן, אַז עֶר זָאגְט "לֹא יוּכַל אִישׁ לְדַבֵּר", דֶער מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט רֶעדְן, מִיר זֶעעֶן דָאךְ אַז דֶער מֶענְטְשׁ רֶעדְט אַסַאךְ אוּן עֶר וֶוערְט נִישְׁט אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט, נָאךְ אִיז שְׁוֶוער, דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט וַוייטֶער אִין פָּסוּק "לֹא תִשְׂבַּע עַיִן לִרְאוֹת וְלֹא תִמָּלֵא אֹזֶן מִשְּׁמֹעַ", פַארְוָואס הָאט עֶר אָנְגֶעכַאפְּט דִי צְוֵויי גְלִידֶער, מֶער וִוי אַלֶע גְלִידֶער פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

**אוּן** עֶר הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט, נָאר, דָאס אִיז וִויבַּאלְד אָט דִי צְוֵויי גְלִידֶער פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, דִי אוֹיגְן אוּן דִי אוֹיעֶרְן, זֶענֶען נִישְׁט אִינֶעם רְשׁוּת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אָבֶער דִי מוֹיל אִיז יָא אִין זַיין רְשׁוּת, אוּן דֶער פָּסוּק וִויל צוּגְלַייכְן דִי אוֹיעֶרְן אוּן דִי אוֹיגְן וָואס זֶענֶען נִישְׁט אִינֶעם רְשׁוּת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, צוּ דִי מוֹיל וָואס אִיז יָא אִין זַיין רְשׁוּת, וַוייל דִי אוֹיגְן אוּן דִי אוֹיעֶרְן, אֲפִילוּ זֵיי זֶעעֶן אוּן הֶערְן וָואס זֵיי ווִילְן נִישְׁט אָדֶער וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעטְרַאכְט צוּ זֶען אָדֶער הֶערְן, אוּן מֶען וָואלְט גֶעקֶענְט מֵיינֶען אַז דֶערְפַאר וֶועלְן זֵיי אַלֶעם דֶערְגְרֵייכְן, קוּמְט אוּנְז דֶער פָּסוּק לָאזְן הֶערְן אַז אַזוֹי וִוי דִי מוֹיל אִיז אִין זַיין רְשׁוּת אוּן עֶר רֶעדְט נָאר וָואס עֶר ווִיל, אוּן דֶערְפַאר קֶען עֶר נִישְׁט דֶערְגְרֵייכְן אַלֶע זַאכְן, אַזוֹי אוֹיךְ דִי אוֹיעֶרְן אוּן אוֹיגְן קֶענֶען נִישְׁט דֶערְגְרֵייכְן

אַלֶע זַאכְן, דֶערִיבֶּער זָאגְט עֶר וַוייטֶער, אוּן דִי אַלֶע דְרַיי גְלִידֶער, דִי מוֹיל דִי אוֹיגְן אוּן דִי אוֹיעֶרְן, וָואס זֵיי עֶנְטְהַאלְטְן דִי עִיקַּר חוּשִׁים פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, קֶענֶען נִישְׁט עֶרְגֶענְצְן אַלֶעס אוּן דֶערְגְרֵייכְן דֶעם גַאנְצְן עִנְיָן פוּן דִי בְּרִיאָה, וַוייל אֲפִילוּ אוֹיבּ אַ חָכָם וֶועט קוּמֶען פָארְשְׁן דֶער שׁוֹרֶשׁ אוּן מְצִיאוּת פוּן דִי וֶועלְט, פַארְוָואס אִיז עֶס בַּאשַאפְן גֶעוָוארְן פּוּנְקְט אַזוֹי, אִיז דָאךְ דָאס אַלֶעס פַארְהוֹילְן פוּן יֶעדְן בַּאשֶׁעפֶענִישׁ אוּן קֵיינֶער וֵוייסְט עֶס נִישְׁט אוֹיסֶער דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין, דֶערִיבֶּער אִיז אַלֶע רֵייד נָאר פְּלָאגְנְדִיג, פוּן צוּ קְלוּג מַאכְן דִי הֶערְצֶער פוּן דִי מֶענְטְשְׁן, וִויבַּאלְד זֵיי וֶועלְן עֶס נִישְׁט דֶערְגְרֵייכְן מִיט זֵייעֶר שֵׂכֶל.

**הָאט** רַבִּי חִיָּיא מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּ דִי וֶוערְטֶער פוּן רַבִּי יוֹסֵי אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, אַזוֹי וִוי דַיינֶע וֶוערְטֶער אַזוֹי אִיז עֶס, אַז דִי מוֹיל פוּנֶעם מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט רֶעדְן אוּן דִי אוֹיגְן קֶענֶען נִישְׁט זֶען אוּן דִי אוֹיעֶרְן קֶענֶען נִישְׁט הֶערְן אַלֶע סוֹדוֹת פוּן דִי בְּרִיאָה, וַוייל אַלֶעס אִיז פַארְהוֹילְן פוּן יֶעדְן לֶעבֶּעדִיגְן בַּאשֶׁעפֶענִישׁ, אוּן דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט דָארְט וַוייטֶער אִין פָּסוּק "וְאֵין כָּל חָדָשׁ תַּחַת הַשָּׁמֶשׁ", אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין נַייעֶ זַאךְ אוּנְטֶערְן זוּן, אִיז דֶער הֶמְשֵׁךְ פוּן דֶעם עִנְיָן, אוּן קוּם אוּן זֶע, אַז אֲפִילוּ אַלֶע עֶרְלֵיי בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן אוּן שָׂרֵי מַעְלָה וָואס גֶעוֶועלְטִיגְן אוֹיף דִי זַאכְן פוּן אוּנְטְן וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַאפְן אוּנְטֶערְן זוּן, אוֹיךְ זֵיי קֶענֶען נִישְׁט רֶעדְן אוּן דֶערְצֵיילְן אַלֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע

לא יכולים לדבר ולספר את כל דברים הנפלאים של העולם, **וְעֵינָא לָא יָכִיל** (דף קצה ע״ב) **לְמִשְׂלַט וּלְמֶחֱמֵי וְאוּדְנָא לְמִשְׁמַע** והעינים לא יכולות לשלוט ולראות והאזנים לשמוע את כל פרטי ענינם, **וּבְגִין כָּךְ שְׁלֹמֹה** ולכן, שלמה שטרח לדעת כל דבר חכמה ונתחכם מכל אדם, **דַּהֲוָה יָדַע כָּל מִלָּה** שהיה יודע כל דבר מה שאחרים לא יודעים, עם כל זה **הֲוָה אָמַר דָּא** היה אומר פסוק זה כל הדברים יגעים וגו׳.

**וְתָא חֲזֵי כָּל עוֹבָדִין דְּעָלְמָא** בא וראה כל המעשים שבעולם, **בְּכַמָּה קַסְטְרִין תַּלְיָין** בכמה שרים וממונים תלוים, **וְכָל בְּנֵי עָלְמָא לָא יָדְעִין וְלָא מַשְׁגִּיחִין עַל מַה קָיְימֵי בְּעָלְמָא** וכל בני העולם אינם יודעים ואינם משגיחים לדעת על מה הם קיימים וחיים בעולם, כי רואים רק הגשמי שלפני עיניהם ואינם יודעים ומתבוננים לדעת את השרים והממונים על כל דבר שבעולם, **וַאֲפִילוּ שְׁלֹמֹה מַלְכָּא דַּהֲוָה חַכִּים מִכָּל בְּנֵי עָלְמָא** ואפילו שלמה המלך שהיה חכם מכל בני העולם, **לָא יָכִיל לְקָיְימָא בְּהוּ** לא היה יכול לעמוד עליהם. (דף קצה ע״א, ובביאורינו כרך ד עמ׳ קעו-קעז)

## אידיש

זאכְן פון די וֶועלְט, און די אויגְן קֶענֶען נִישְׁט גֶעוֶועלְטִיגְן און זֶען, און די אויעֶרְן קֶענֶען נִישְׁט הֶערְן אַלֶע אֵיינְצֶלְהֵייטְן פון זֵייעֶר אִינְהַאלְט, און דֶערְפַאר הָאט שְׁלֹמֹה, וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְּלָאגְט צו וִויסְן יֶעדְן דָּבָר חָכְמָה און אִיז גֶעוָוארְן מֶער קְלוּג ווי יֶעדְן מֶענְטְשׁ, און עֶר הָאט גֶעוואוּסְט יֶעדֶער זַאךְ וָואס אַנְדֶערֶע וֵוייסְן נִישְׁט, הָאט עֶר טְרָאצְדֶעם גֶעזָאגְט דֶער פָּסוּק ״כָּל הַדְּבָרִים יְגֵעִים״, ווי עֶרְקְלֶערְט.

**און** קוּם און זֶע אַלֶע מַעֲשִׂים אויף דֶער וֶועלְט, אִין וִויפִּיל שָׂרִים און מְמֻנִּים זֶענֶען זֵיי גֶעוָואנְדְן, און אַלֶע מֶענְטְשְׁן פון דֶער וֶועלְט וֵוייסְן נִישְׁט און קוּקְן זִיךְ נִישְׁט אוּם צו וִויסְן פַארְוָואס זֵיי עֶקְזִיסְטִירְן און לֶעבְן אויף דֶער וֶועלְט, וְוִיבַּאלְד זֵיי זֶעעֶן נָאר דֶעם גַּשְׁמִיּוּת וָואס אִיז פַאר זֵייעֶרֶע אויגְן, און זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט און טְרַאכְטְן נִישְׁט אַרַיין צו וִויסְן די שָׂרִים און מְמֻנִּים וָואס זֶענֶען גֶעשְׁטֶעלְט אויף יֶעדֶער זַאךְ אויף די וֶועלְט, און אֲפִילוּ שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ וָואס אִיז גֶעוֶוען קְלוּגֶער פון אַלֶע מֶענְטְשְׁן פון די וֶועלְט, הָאט זֵיי אויךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט מַשִּׂיג זַיין.

## שבח דא שירתא

אויף דֶעם שְׁרַייבְּט הָרַב חַיִּים וִיטַאל, אַז עֶס וֶוערְט קְלָאר מְפֹרָשׁ אויךְ אִין די וֶוערְטֶער פון די תַּנָּאִים, אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט אִינְגַאנְצְן יוֹצֵא יְדֵי חוֹבָתוֹ דוּרְכְן עוֹסֵק זַיין בְּלוֹיז אִין מִקְרָא, מִשְׁנָה, אַגָּדָה און תַּלְמוּד, נָאר מֶען אִיז אויךְ מְחֻיָּב עוֹסֵק צו זַיין בְּכָל יְכָלְתּוֹ אִין סִתְרֵי תּוֹרָה און מַעֲשֵׂה מֶרְכָּבָה, וַוייל דֶער אויבֶּערְשְׁטֶער טוּט נִישְׁט גֶענִיסְן פון אַלֶעס וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן בְּעוֹלָמוֹ, נָאר וֶוען זַיינֶע קִינְדֶער דָא אוּנְטְן טוּעֶן זִיךְ בַּאשֶׁעפְטִיגְן בְּרָזֵי הַתּוֹרָה, צו אַנֶערְקֶענֶען זַיין גְרוֹיסְקַייט און שֵׁיינְקֵייט און דֶערְהוֹיבְּנְקֵייט.

וַוייטֶער זָאגְט עֶר, אַז אִין די פְּשָׁטֵי הַתּוֹרָה, אִין די עֶרְצֵיילוּנְגֶען, דִּינִים און מִצְוֹת, וֶוען זֵיי זֶענֶען אַזוֹי ווי דֶער פְּשָׁט, אִיז נִישְׁטָא אִין זֵיי קֵיין שׁוּם הֶיכֵּר און יְדִיעָה צו אַנֶערְקֶענֶען דֶעם אויבֶּערְשְׁטְן דֶערְמִיט, נָאר פַארְקֶערְט, עֶס אִיז דָא אִין זֵיי מִצְוֹת און חוּקִים וָואס דֶער שֵׂכֶל קֶען נִישְׁט פַארְנֶעמֶען, און אַלֶע פֶעלְקֶער פון די וֶועלְט טְשֶׁעפֶּענֶען די אִידְן און זָאגְן צו זֵיי, וָואס אִיז אָט די תּוֹרָה וָואס אַייעֶר גָאט הָאט אַייךְ בַּאפוֹילְן, זַאכְן וָואס זֶעעֶן אוֹיס אַזוֹי ווי חִידוֹת און מְשָׁלִים: צו נֶעמֶען אַ הָארְן פון אַ קוּ און בְּלָאזְן דֶערְמִיט אִינֶעם טָאג פון רֹאשׁ הַשָּׁנָה און אִיר זָאגְט אַז דוּרְכְדֶעם וֶוערְט צוּטוּמְלְט דֶער רוּחָנִיּוּת׳דִיגֶער שָׂטָן דֶער מְקַטְרֵג הָעֶלְיוֹן, און נָאךְ עֶנְדְלִיכֶע זַאכְן, און כִּמְעַט רוֹב מִצְוֹת פון די תּוֹרָה, און בִּפְרַט די פְּרָטֵי דִּינִים, טוּט דֶער שֵׂכֶל עֶס נִישְׁט פַארְנֶעמֶען, אויבּ אַזוֹי, וואוּ אִיז דֶער שֵׁיינְקֵייט פון די תּוֹרָה, אִיר פְּרַאכְט און אִיר גְרוֹיסְקַייט. אויף עֶפֶּעס עֶנְדְלִיךְ צו דֶעם שְׁטֵייט אִין פָּסוּק ״אִם צָדַקְתָּ מַה תִּתֶּן לוֹ וְאִם חָטָאתָ מַה תִּפְעָל בּוֹ״, אויבּ הָאסְטוּ גֶעטוּן גֶערֶעכְטִיגְקַייט וָואס גֶעבְּסְטוּ אִים, און אויבּ הָאסְטוּ גֶעזִינְדִיגְט, וָואסְפַארַא פְּעֻלָּה טוּסְטוּ אִין אִים, וַוייל דֶער שָׂכָר וָענֶשׁ וָואס קוּמְט אויף זֵיי אִיז נָאר פַאר דִיר אַלֵיין, אָבֶער אִין די סוֹדוֹת הַתּוֹרָה און דָאס עוֹסֵק זַיין אִין די כַּוָּנַת הַמִּצְוֹת, אויף דֶעם שְׁטֵייט פַארְקֶערְט, אויף דָאס גוּטְס שְׁטֵייט ״תְּנוּ עֹז לֵאלֹקִים״, גֶעבְּט שְׁטַארְקַייט פַאר גָאט, און אויף שְׁלֶעכְטְס שְׁטֵייט ״צוּר יְלָדְךָ תֶּשִׁי״, דֶער שְׁטַארְקֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס הָאט דִיר בַּאשַׁאפְן, אִיז כִּבְיָכוֹל שְׁוַואךְ גֶעוָוארְן, און אָט די זַאכְן זֶענֶען עֶרְקְלֶערְט פַאר דֶער וָואס דֶער אויבֶּערְשְׁטֶער אִיז נָאנְט צו זַיין הַארְץ.

(ע״כ דברי הרב חיים ויטאל (תלמיד האריז״ל) הובא בספרנו שערי זהר שער ראשון פרק י״ב)

צו באקומען דעם גליון יעדע וואך שיקט א אימייל צו:
3022233@gmail.com

הַזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ״ ע״פ ״מָתוֹק מִדְּבָשׁ״ הפירוש הנפלא שהתקבל בכל תפוצות ישראל



קלענערע סעט – מהדורת ר׳ הערשל וועבער
(In 7/5)



גרויסע סעט (In 9.5/6.5)

״ובלכתך בדרך״
פארמאט
70 כרכים
מהדורת ר׳ יוסף צבי
בערגער
(In 6.5/4.5)



פאר דעליווערי רופט:
845.664.5168
www.matokmidvash.com